בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

## פרשת תולדות

כא

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
רחוב רבי נחמן מברסלב 15
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
רחוב ירושלים 2
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# הַקְדָּמָה

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיט'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיט'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

וִויבַּאלְד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִייַעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקֶל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶּער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלָּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר,

מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"ש דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִי"שׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִּיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"ש מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ",

בָּרוּךְ יי' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

# א תפילה
## פארן לערנען זוהר

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת דַף קמ

**וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן וְגוֹ'. רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח וְאָמַר, (תְּהִלִּים יא) יְיָ צַדִּיק יִבְחָן וְרָשָׁע וְאוֹהֵב חָמָס שָׂנְאָה נַפְשׁוֹ. כַּמָּה עוֹבָדוֹי דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִתְתַּקְנָן, וְכָל מַה דְאִיהוּ עָבִיד כֹּלָּא עַל דִּינָא וּקְשׁוֹט, כְּמָה דִכְתִיב (דְּבָרִים לב) הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא.**

חָזִית אִישׁ

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט

וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן וְגוֹ'. רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח וְאָמַר רֶבִּי יְהוּדָה הָאט גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזָאגְט, מִיר גֶעפִינֶען אַלְץ אִין זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'פָּתַח וְאָמַר', וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה - הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דִי הִימְלֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דָוִד הַמֶּלֶךְ לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים יא, ה): 'יְיָ צַדִּיק יִבְחָן' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי צַדִיקִים, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דִי צַדִיקִים וֶועלְן אִים בְּלַייבְּן גֶעטְרַיי, 'וְרָשָׁע וְאֹהֵב חָמָס שָׂנְאָה נַפְשׁוֹ' אוּן דֶעם רָשָׁע אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט לִיב רוֹיב - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַיינְט.

כַּמָּה עוֹבָדוֹי דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִתְתַּקְנָן ווי גוּט אוּן ווי גְלַייךְ זֶענֶען דִי וֶועגְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְכָל מַה דְאִיהוּ עָבִיד כֹּלָּא עַל דִּינָא וּקְשׁוֹט אוּן אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז אֱמֶת'דִיג; כְּמָה דִכְתִיב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): 'הַצּוּר' דֶער שְׁטַארְקֶער בַּאשֶׁעפֶער, 'תָּמִים פָּעֳלוֹ' זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען גַאנְץ, 'כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט' אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן זֶענֶען מִיט גֶערֶעכְטִיקֵייט, 'אֵל אֱמוּנָה' עֶר אִיז אַ בַּאגְלֵייבְטֶער בַּאשֶׁעפֶער, 'וְאֵין עָוֶל' עֶר מַאכְט נִישְׁט קֵיין אוּמְרֶעכְט, 'צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט.

**תָּא חֲזֵי, לָא דָן קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְאָדָם קַדְמָאָה עַד דְּפָקִיד לֵיהּ לְתוֹעַלְתֵּיהּ, דְּלָא יִסְטֵי לִבֵּיהּ וּרְעוּתֵיהּ לְאֹרַח אָחֳרָא בְּגִין דְּלָא יִסְתָּאַב. וְאִיהוּ לָא אִסְתַּמַּר, וַעֲבַר עַל פִּקּוּדֵי דְמָארֵיהּ, וּלְבָתַר כֵּן דָּן לֵיהּ דִּינָא.** (דַף קמ ע"א) **וְעִם כָּל דָּא, לָא דָן לֵיהּ כְּדְקָא חָזֵי לֵיהּ, וְאוֹרִיךְ עִמֵּיהּ רוּגְזֵיהּ, וְאִתְקַיֵּים יוֹמָא חַד דְּאִיהוּ אֶלֶף שְׁנִין, בַּר אִינוּן**

חָזִית אִ֑ישׁ

## דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**תָּא חֲזֵי** קוּם אוּן זֶע, אִין זוֹהַר הָאבְּן מִיר אַלְץ דִי לָשׁוֹן תָּא חֲזֵי - קוּם אוּן זֶע, אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין דִי גְמָרָא וָואס דֶער לָשׁוֹן אִיז תָּא שְׁמַע - קוּם אוּן הֶער, ווַייל דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, עֶס ווֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לָא דָן קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְאָדָם קַדְמָאָה** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטְרָאף אוֹיף אָדָם הָרִאשׁוֹן, **עַד דְּפָקִיד לֵיהּ לְתוֹעַלְתֵּיהּ** נָאר נָאכְן אִים בַּאפֶעלְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן נִישְׁט עֶסְן פוּן דִי עֵץ הַדַּעַת - פַאר זַיין גוּטְס, **דְּלָא יִסְטֵי לִבֵּיהּ** אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְקֶערְן זַיין הַארְץ, **וּרְעוּתֵיהּ** אוּן זַיין ווִילְן - **לְאֹרַח אָחֳרָא** צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא, **בְּגִין דְּלָא יִסְתָּאַב** עֶר זָאל נִישְׁט ווֶוערְן טָמֵא. **וְאִיהוּ לָא אִסְתַּמַּר** אָבֶּער אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, **וַעֲבַר עַל פִּקּוּדֵי דְמָארֵיהּ** אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וּלְבָתַר כֵּן** אוּן נָאכְן זִינְדִיגְן, **דָּן לֵיהּ דִּינָא** הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשְׁטְרָאפְט. **וְעִם כָּל דָּא** אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם, **לָא דָן לֵיהּ כִּדְקָא חָזֵי לֵיהּ** הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט לוֹיט ווִיפִיל עֶס קוּמְט זִיךְ אִים, **וְאוֹרִיךְ עִמֵּיהּ רוּגְזֵיהּ** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַיינְגֶעהַאלְטְן זַיין צָארְן, **וְאִתְקַיֵּים** אוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, **יוֹמָא חַד** אֵיין טָאג, **דְּאִיהוּ אֶלֶף שְׁנִין** דָאס אִיז טוֹיזְנְט יָאר; ווַייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז טוֹיזְנְט יָאר אַזוֹי ווִי אֵיין טָאג. **בַּר אִינוּן שִׁבְעִים שָׁנִים** אוֹיסֶער דִי זִיבְּעצִיג יָאר, **דְּמָסַר לֵיהּ לְדָוִד מַלְכָּא** וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר דָוִד הַמֶּלֶךְ, **דְּלָא הֲוָה לֵיהּ מִגַּרְמֵיהּ כְּלוּם** ווַייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין יָארְן צוּ לֶעבְּן; מֶען זֶעט דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי עֶר ווַארְט; עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט גְלַייךְ דִי שְׁטְרָאף אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, עֶר ווַארְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

**שִׁבְעִים שְׁנִים דְּמָסַר לֵיהּ לְדָוִד מַלְכָּא, דְּלָא הֲוָה לֵיהּ מִגַּרְמֵיהּ כְּלוּם.**

**כְּגַוְונָא דָא, לָא דָן לֵיהּ לְבַר נָשׁ כְּעוֹבָדוֹי בִּישִׁין דְּאִיהוּ עָבִיד תָּדִיר, דְּאִי הָכִי לָא יָכִיל עָלְמָא לְאִתְקַיְּימָא, אֶלָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָרִיךְ רוּגְזֵיהּ עִם צַדִּיקַיָּא, וְעִם רַשִּׁיעַיָּא יַתִּיר מִצַּדִּיקַיָּא. עִם רַשִּׁיעַיָּא בְּגִין דִּיתוּבוּן בִּתְיוּבְתָּא שְׁלֵימָתָא, דְּיִתְקַיְּימוּן בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי.**

חָזִיתָ אִישׁ

דער אייבערשטער וויל מען זאל תשובה טון

כְּגַוְונָא דָא אַזוי אויך, לָא דָן לֵיהּ לְבַר נָשׁ טוט דער אייבערשטער נישט באשטראפן א מענטש, כְּעוֹבָדוֹי בִּישִׁין לויט די שלעכטע מעשים, דְּאִיהוּ עָבִיד תָּדִיר וואס ער טוט שטענדיג, דְּאִי הָכִי לָא יָכִיל עָלְמָא לְאִתְקַיְּימָא ווייל אויב וואלט מען באשטראפט לויט די שלעכטע מעשים - וואלט די וועלט נישט געקענט אנגיין, אֶלָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָרִיךְ רוּגְזֵיהּ עִם צַדִּיקַיָּא נאר דער אייבערשטער האלט איין זיין צארן מיט צדיקים, ער שטראפט זיי נישט גלייך, וְעִם רַשִּׁיעַיָּא יַתִּיר מִצַּדִּיקַיָּא און מיט רשעים האלט דער אייבערשטער איין זיין צארן נאך מער ווי ביי צדיקים.

פארוואס האלט דער אייבערשטער איין זיין צארן - עִם רַשִּׁיעַיָּא מיט רשעים? בְּגִין דִּיתוּבוּן בִּתְיוּבְתָּא שְׁלֵימָתָא ווייל דער אייבערשטער ווארט אז אלע זאלן תשובה טון, מען זאל זיך צוריק קערן צו אים, דְּיִתְקַיְּימוּן בְּהַאי עָלְמָא און מען זאל בלייבן לעבן אויף די וועלט, וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי און מען זאל בלייבן לעבן אויף יענע וועלט.

אויך אויף די וועלט קען מען נאר האבן א גוט לעבן אויב מען טוט תשובה, ווייל אז מען טוט עבירות פארלירט מען אויך די לעבן אויף די וועלט. אזוי ווי דער הייליגער צדיק רבי אברהם בן רבי נחמן זכר צדיק לברכה פלעגט זאגן: "דער סמ"ך מ"ם פארגינט נישט דעם מענטש, ער וויל אים צונעמען זיין לעבן פון די וועלט, און אויך פון יענע וועלט"; ווייל נאר אז מען גייט אין די תורה וועג האט מען א לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**כְּמָה דִכְתִיב, (יְחֶזְקֵאל לג) חַי אָנִי נְאֻם יְיָ וְגו' אִם אֶחְפֹּץ וְגו' כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה. וְחָיָה בְּעָלְמָא דֵין וְחָיָה בְּעָלְמָא דְאָתֵי, וְעַל דָא אוֹרִיךְ רוּגְזֵיהּ לוֹן תָּדִיר. אוֹ בְּגִין דְּיִפּוּק מִנְּהוֹן גִּזְעָא טָבָא בְּעָלְמָא, כְּמָה דְאַפִּיק אַבְרָהָם מִתֶּרַח, דְּאִיהוּ גִּזְעָא טָבָא, וְשָׁרְשָׁא וְחוּלָקָא טָבָא לְעָלְמָא.**

**אֲבָל קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְדַקְדֵּק עִם צַדִּיקַיָּא תָּדִיר, בְּכָל עוֹבָדִין דְּאִינוּן עָבְדִין. בְּגִין דְּיָדַע דְּלָא יִסְטוּן לְיָמִינָא וְלִשְׂמָאלָא,**

חָזִית אִישׁ

כְּמָה דִכְתִיב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לג, יא): 'חַי אָנִי נְאֻם יְיָ וְגו'' אִיךְ שְׁוֶוער, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'אִם אֶחְפֹּץ וְגו'' אוֹיב אִיךְ ווִיל דֶער רָשָׁע זָאל שְׁטַארְבְּן; אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, 'כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה' אִיךְ ווִיל עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בְּלַייבְּן לֶעבְּן, וְחָיָה בְּעָלְמָא דֵין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וְחָיָה בְּעָלְמָא דְאָתֵי אוּן לֶעבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וְעַל דָא אוֹרִיךְ רוּגְזֵיהּ לוֹן תָּדִיר דֶערִיבֶּער וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג, עֶר הַאלְט אַיין זַיין צָארְן, אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן. ווַייל יֶעדֶער אִיד קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ מֶען זָאל הָאבְּן גֶעטוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן קֶען מֶען זִיךְ אַלֶץ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן אִים זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל".

**אוֹ בְּגִין דְּיִפּוּק מִנְּהוֹן גִּזְעָא טָבָא בְּעָלְמָא** אָדֶער צוּלִיב דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז עֶס גֵייט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי קִינְדֶער צַדִּיקִים, **כְּמָה דְאַפִּיק אַבְרָהָם מִתֶּרַח** אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן, אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן תֶּרַח, **דְּאִיהוּ גִּזְעָא טָבָא** וָואס עֶר אִיז דֶער גוּטֶער שְׁטַאם; אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטַאמֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, **וְשָׁרְשָׁא** אוּן עֶר אִיז דֶער גוּטֶער וָוארְצְל, **וְחוּלָקָא טָבָא לְעָלְמָא** אוּן גוּטֶער חֵלֶק פוּן דֶער וֶועלְט; אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. מֶען זֶעט דָא אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְרַחֵק זַיין קֵיין שׁוּם אִיד, אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גֶעפַאלְן, ווַייל עֶס קֶען נָאךְ אַרוֹיסְקוּמֶען הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת פוּן זֵיי.

**וּבְגִין כָּךְ אַבְחִין לוֹן. לָאו בְּגִינֵיהּ, דְּהָא אִיהוּ יָדַע יִצְרָא וְתוּקְפָּא דִּמְהֵימְנוּתָא דִּלְהוֹן, אֶלָּא בְּגִין לַאֲרָמָא רֵישֵׁיהוֹן בְּגִינַיְיהוּ.**

**כְּגַוְונָא דָא, עֲבַד לֵיהּ לְאַבְרָהָם, דִּכְתִיב** (בְּרֵאשִׁית כב) **וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם. מַאי נִסָּה, הֲרָמַת נֵס. כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר** (יְשַׁעְיָה סב) **הָרִימוּ נֵס** (יִרְמְיָה ד) **שְׂאוּ נֵס, אָרִים דִּגְלָא דִּילֵיהּ בְּכָל עַלְמָא, וְאַף עַל גַּב דְּהָא אִתְמָר, בְּגִין דָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָרִים דִּגְלָא דְּאַבְרָהָם בְּעֵינֵיהוֹן דְּכֹלָּא,**

חָזִית אִ֫ישׁ

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים

**אֲבָל קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְדַקְדֵק עִם צַדִּיקַיָּא תָּדִיר** אָבֶער מִיט צַדִיקִים פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַנְדֶערְשׁ, מִיט זֵיי אִיז מֶען מְדַקְדֵק - **בְּכָל עוֹבָדִין דְּאִינוּן עָבְדִין** מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים וָואס זֵיי טוּעֶן, **בְּגִין דְּיָדַע דְּלָא יִסְטוּן לְיָמִינָא וּשְׂמָאלָא** וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים, נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס. **וּבְגִין כָּךְ אַבְחִין לוֹן** דֶערִיבֶּער פְּרוּבִירְט עֶר זֵיי אוֹיס, **לָאו בְּגִינֵיהּ** נִישְׁט פַאר אִים, **דְּהָא אִיהוּ יָדַע יִצְרָא וְתוּקְפָּא דִּמְהֵימְנוּתָא דִּלְהוֹן** וַוייל עֶר וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק זֵיי זֶענֶען, וִוי שְׁטַארְק זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז, **אֶלָּא בְּגִין לַאֲרָמָא רֵישֵׁיהוֹן בְּגִינַיְיהוּ** נָאר זֵיי אוֹיפְצוּהֵייבְּן, אוּן גְרוֹיס מַאכְן.

**כְּגַוְונָא דָא** אַזוֹי אוֹיךְ **עֲבַד לֵיהּ לְאַבְרָהָם**, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ, **דִּכְתִיב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כב, א): **'וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְפְּרוּבִירְט אַבְרָהָם אָבִינוּ מִיט נָאךְ אַ נִסָּיוֹן, **מַאי 'נִסָּה'** וָואס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן אַ נִסָּיוֹן? **הֲרָמַת נֵס** אַ לָשׁוֹן פוּן אוֹיפְהֵייבְּן, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה סב, י): **'הָרִימוּ נֵס'** דֶערְהֵייבְּט אַ פָּאן, (יִרְמְיָה ד, ו): **'שְׂאוּ נֵס'** הֵייבְּט אוֹיף אַ פָּאן, **אָרִים דִּגְלָא דִּילֵיהּ בְּכָל עַלְמָא** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פָּאן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, **וְאַף עַל גַּב דְּהָא אִתְמָר** אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן אוֹיבְן גֶעלֶערְנְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, אִיז דָאס אוֹיךְ אֱמֶת, **בְּגִין דָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָרִים דִּגְלָא דְּאַבְרָהָם בְּעֵינֵיהוֹן דְּכֹלָּא** אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִירְט אַבְרָהָם אָבִינוּ, כְּדֵי צוּ דֶערְהֵייבְּן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט פַאר

**הֲדָא הוּא דִכְתִיב נִסָּה אֶת אַבְרָהָם, אוּף הָכִי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּגִין לַאֲרָמָא דִגְלָא דְצַדִּיקַיָּא אִיהוּ בָּחִין לוֹן, לַאֲרָמָא רֵישַׁיְיהוּ בְּכָל עַלְמָא.**

חָזִית אִישׁ

אַלְעֶמֶען, הֲדָא הוּא דִכְתִיב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'נִסָּה אֶת אַבְרָהָם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַבְרָהָם אָבִינוּ פַאר אַלֶעמֶען, **אוּף הָכִי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** אַזוֹי אוֹיךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי צַדִּיקִים, **בְּגִין לַאֲרָמָא דִגְלָא דְצַדִּיקַיָּא אִיהוּ בָּחִין לוֹן**, צוּלִיבּ זֵיי אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט, **לַאֲרָמָא רֵישַׁיְיהוּ בְּכָל עַלְמָא** צוּ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן זֵייעֶר גוּטֶע נָאמֶען פַאר דִי וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִסָּיוֹן חֵלֶק ב, סִימָן א; אוֹיךְ אִין אוֹת מְפֻרְסָם חֵלֶק ב, סִימָן ב): 'הַנִּסָּיוֹן הוּא לְגַדֵּל וּלְפַרְסֵם אֶת הָאָדָם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר אִים צוּ גְרוֹיסְן אוּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נה, א), אוֹיפְן פָּסוּק וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם: 'בִּשְׁבִיל לְגַדְּלָן בָּעוֹלָם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי נִסָּיוֹן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִים צוּ גְרוֹיס מַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

פוּן דֶעם שְׁטִיקָל זוֹהַר לֶערְנֶען מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט זֵיי אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת נָאר זֵיי אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן זֵיי גְרוֹיס מַאכְן פַאר דִי וֶועלְט. דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁוֶוער אִין לֶעבְּן, צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, אוּן וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, נָאר אוּנְז צוּ גְרוֹיסְן אוּן אוּנְז צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ אוּנְזֶער אֵייבִּיגֶע גוּטְס.